בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת אַחֲרֵי (באר"י קְדוֹשִׁים)

253

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ בֶּעטְן מַיין שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ הֶערְן רַאדִיָא בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ?.................... א

ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, וֶוען אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן?.................... ב

מֶעג אַ כַּלָּה רֶעדְן מִיטְ'ן חָתָן?.................... ג

וָואס זָאג אִיךְ פַּאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען קִטְנִיּוֹת אוּם פֶּסַח?.................... ד

ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס?.................... ה

וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז דָאךְ גוּט, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן?.................... ז

וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?.................... ח

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב, אָן מְצַעֵר זַיין מַיין פַאמִילְיֶע?.................... ט

וָואס מֵיינְט אַז מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל?.................... יג

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג?.................... יד

ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?.................... טו

וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הָאבְן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח?.................... יח

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין אִינְגֶל הָאט אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער חַבֵר?.................... יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר וֶועט הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.................... א

הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח.................... א

גֶעבּ דֶעם נָאמֶען וָואס דַיין טַאטֶע ווִיל.................... ג

אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע הַלְוָאָה צוּ קוֹיפְן אַ קֶעמְפּ אוּן קָאנְטְרִי.................... ד

וֶוען צִינְדְט מֶען לִיכְט אוּם יוֹם טוֹב.................... ד

צִינְדְט אָן אִין שְׁטוּבּ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.................... ה

אַ הֶערְלִיכֶע קְלַאס; דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דִיסְצִיפְּלִין, אוּן אוֹיךְ שִׂמְחָה.................... ו

וַואקְסִינִירְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָׁה אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.................... ו

מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר נַאכְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב ..... ז
אַפִּיעֶל צוּ הֶעלְפְן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח ..... ז
דִי בֶּעסְטֶע נַחַת אִיז וֶוען דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן ..... ט
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט ..... ט
מֶען וֶועט נָאר גֶעדֶענְקֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער ..... י
דִי יְשׁוּעָה קוּמְט בְּקָרוֹב, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג ..... י
אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז בַּיי אוּנְזֶער קְהִילָה אִיז צְנִיעוּת אַן אַרוֹיסְגֶעקוּקְטֶע זַאךְ ..... יא
תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא רֶעדְן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁמוּעֶסְן ..... יב
אִין זְכוּת פוּן טוּן אִין חִינוּךְ הַבָּנוֹת, וֶועט מֶען זֶען אַסַאךְ נַחַת ..... יג
עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת ..... יד
הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוו ..... טו
וֶועלְכֶע יוֹצְרוֹת זָאגְט מֶען אוּם יוֹם טוֹב ..... טו
עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג אוּן נַחַת צוּ הֶערְן וִוי דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען ..... טז
דֶער צְוֵוייטֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לֶעיקְוָואד ..... יז
פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים ..... יז
בִּיסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי בּוֹדֵק צוּ זַיין וֶועכֶנְטְלִיךְ דֶעם עֵירוּב ..... יח
דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער בּוֹדְקִים פוּנֶעם עֵירוּב זֶעהֶען נִישְׁט צוּ גֶעפוּנֶען ..... יח
אִיךְ אַנֶערְקֶען וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטֶעטֶעלֶע ..... יט
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב יֶעדֶע וָואךְ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ ..... יט
הַכָּרַת הַטוֹב פַארְ׳ן הֶעלְפְן פַארְדֶעכְטְן דֶעם עֵירוּב ..... כ
אַן אַנְדֶענְק וָואס דוּ הֶעלְפְסְט וֶועכֶנְטְלִיךְ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב ..... כ
דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁטָאט, פַארְ׳ן עֵירוּב ..... כא
מִיר בַּאדַאנְקֶען זִיךְ פַאר דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי ..... כא
אוֹת זִכָּרוֹן פַארְ׳ן מְנַדֵב זַיין דֶעם עֵירוּב טְרָאק ..... כב
לְאוֹת וּלְזִכָּרוֹן פַארְ׳ן מַאכְן דֶעם עֵירוּב ..... כב
אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַארְ׳ן שְׁטֶעטְל ..... כג
דִי חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶבַע׳דִיגֶע וואוּקְס פוּנֶעם שְׁטֶעטְל ..... כג
רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ..... כה
אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַן עַיִן הָרָע ..... כז
בְּרוּחָנִיוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, אַלְץ וֶועלְן מֶער אוּן מֶער ..... כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אִיךְ בֶּעטְן מַיין שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ הֶערְן רַאדִיָא בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁוֶוער לֶעבְּט אַלֵיין שׁוֹין פַּאר צֶענְדְלִיגֶער יָארְן, מִיר זֶענֶען אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד אוּן מִיר הֶעלְפְן אִים אַרוֹיס מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס עֶר קוּמְט צוּ אוּנְז אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה דָא צוּ זַיין.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן אַסַאךְ רַאדִיָא בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין בַּיי אוּנְז אוֹיף יוֹם טוֹב, וֶועט עֶר אוֹיךְ אָנְצִינְדְן אוּן הֶערְן רַאדִיָא בְּעפָאר יוֹם טוֹב, חוֹל הַמּוֹעֵד, אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר; סְפֶּעצִיעֶל זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶקְל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פוּן דֶעם.

מֶעג אִיךְ אִים בֶּעטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג אַז עֶר קֶען קוּמֶען צוּ אוּנְז אָבֶּער נָאר אָן דִי רַאדִיָא? אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט זִיךְ יָא גֶע'עַקְשְׁנְ'ט דֶערוֹיף, מֶעג אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם, זָאג אִים נִישְׁט קַיין וָוארְט.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**ווי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, וֶוען אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְז מְחַזֵק, וויפִיל אִיךְ וֶועל פְּרוּבִירְן זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען וֶועט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גֶענוּג.

עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר און אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חַתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיבֶּער דֶעם וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט וָואס אִיךְ וִויל, אִיךְ וֶוער אַ חוֹזֶק אִין שְׁטוּב, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ וִויל נִישְׁט וַוארְטְן נָאךְ לֶענְגֶער און הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן אַלְס מֵיידְל.

אִיךְ דַארְף חִיזוּק, צַייט גֵייט נָאר מֶער און מֶער פָארְאוֹיס, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַייךְ אִין שְׁטוּבּ וֶוען אִיר רֶעדְט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן - זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן מֶער אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶעם; רֶעדְט נָאר צוּ אַייעֶר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער לַאכְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען מֶען בֶּעט אִים אַז מֶען ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל וֵויינְט מִיט, עֶר שְׁפִּירְט דִי צַעַר וָואס מֶען גֵייט

אַרִיבֶּער און מֶען זֶעט דֶערְנָאךְ אַ יְשׁוּעָה.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## מֶעג אַ כַּלָּה רֶעדְן מִיט'ן חָתָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' און מְחַזֵק דֶערְמִיט, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן און דִי אֱמוּנָה וָואס אִיךְ קוֹיף אַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְצוּגֵיין מִיט שְׁטַארְקֵייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג רֶעדְן מִיט מַיין חָתָן. בַּיי אוּנְזֶער בֵּיידֶע מִשְׁפָּחוֹת אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז חָתָן כַּלָּה רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ, און פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אָבֶּער אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה רֶעדְט צוּ מִיר זֵייעֶר דֶערְקֶעגְן, אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ טוּן, דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג רֶעדְן און זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים אָדֶער נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן תִּחְיֶ' ...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אֵיינְמָאל, מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אַז חָתָן כַּלָּה קֶענֶען רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן און אוֹיךְ זִיךְ טְרֶעפְן. בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער מַאכְט מֶען פוּן דֶעם אַ אִיסוּר, מַמָּשׁ ווִי דָאס עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער מוֹהֲרַ"ש הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן און זִיךְ טְרֶעפְן.

יֶעצְט בֶּעט אִיר אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן וֶועגְן דֶעם; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס מוֹסִיף צוּ זַיין, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה פִירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וָואס זָאג אִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען קִטְנִיּוֹת אוּם פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן פִּירְן מִיר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי מִיר אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג פוּן פֶּסַח, דִי אַנְדֶערֶע טֶעג זֶענֶען זֵיי בַּיי זֵייעֶר מַאמֶע. אֵיין טָאג זָאגְט מִיר אַ קִינְד אַז דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף קִטְנִיּוֹת, זִי גֶעבְּט זֵיי צוּ עֶסְן קִטְנִיּוֹת אוּם פֶּסַח. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ זֵיי צוּ זָאגְן וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג', ב' דְּחֹל הַמּוֹעֵד, י"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיינֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן דִיר אַז זֵייעֶר מַאמֶע גֶעבְּט זֵיי צוּ עֶסְן קִטְנִיּוֹת אוּם פֶּסַח - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ עֶסְן קִטְנִיּוֹת.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק זֵיי זֶענֶען, זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דוּ לֶערְן זֵיי אוֹיס אַלֶעס וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן. גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע אִידְן וָואס גֵייעֶן נָאךְ דֶעם רְמָ"א - עֶסְן נִישְׁט קַיין קִטְנִיּוֹת, זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן צוּ עֶסְן מַצָּה, פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ, אוּן נִישְׁט עֶסְן רַייז, קָארְן, בָּאנְדְלֶעךְ וְכוּ'.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ חַיּוּת אִין מִצְוֹת; טַאנְץ מִיט זֵיי, זִינְג מִיט זֵיי אוּן שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, אוּן אוֹיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען

און יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועסְטוּ זֶען אַסאַךְ נַחַת פון זֵיי.

...

### ווי אַזוֹי זֶעט מֶען זיךְ אַרוֹיס פון שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְצוּהַאלְטְן דִי חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק דָארְט, און אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוואָלְט קוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶע סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶּער פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר פוּן אוּנְזֶער חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן זַיין טֶעלֶעפָאן, און דָאס הָאט מִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז אוֹיבּ עֶר קֶען, קֶען אִיךְ אוֹיךְ, און אִיךְ עֶס הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם נִישְׁט גֶעקוֹיפְט.

אָבֶּער פוּן אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ זִיךְ נָאכְנִישְׁט אָפְּרַייסְן, אִיךְ קוּק נָאךְ לֵיידֶער שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס. אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי זַאכְן און אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אוֹיבּ דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין פַאר וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מָאוִויס, ווַייל דָאס זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם - רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס ווַאשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ

מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מָאוִויס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זָאלְסְטוּ זָאגְן בְּכָל יוֹם אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, כְּסִדְרָן דַּיְקָא - וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶער וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי "גָּלוּת הַמָּאוִויס".

רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי"ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מָאוִויס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס הַרְגְ'עֶט דִי מֹחַ אַזוֹי וִוי דְרָאגְס; פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דְרָאגְס פַארְבְּרֶענְט דֶעם מֹחַ - אַזוֹי אוֹיךְ מָאוִויס, עֶס פַארְבְּרֶענְט דֶעם מֹחַ; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס פַארְשְׁטֶעלְט דָאס שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט דַאוֶוענֶען, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אַלֶעס וֶוערְט אַזוֹי וִוי פַארְוָואלְקֶנְט, מֶען פַארְלִירְט דֶעם טַעַם פוּן לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי אִינְטֶערֶעסֶע אִין ווִיכְטִיגֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק אַלֶע מָאוִויס, קוּק מֶער נִישְׁט דִי זַאכְן; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אַ שָׁאד פַאר דִיר, אַ שָׁאד פַאר דַיין עָתִיד; עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט לָאזְן לֶעבְן מִיט אַ וַוייבּ, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט לָאזְן זַיין אַ טַאטֶע פַאר קִינְדֶער; אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט און וַוייבְּלֶעךְ גֶעטְ'ן זִיךְ נָאר צוּלִיבּ דֶעם.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו, וֶועט דִיר זַיין גוּט בְּזֶה וּבַבָּא.

...

## וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז דָאךְ גוּט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי אִין חֵדֶר הָאבְּן מַיינֶע מְלַמְדִים גֶערֶעדְט וִוי אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט און אַלֶעס פִירְט זִיךְ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער אַ גַאנְצֶע צַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט און טוּט אַלֶעס וָואס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר דַאן וָואס טוּ אִיךְ דָא? צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שְׁנֶעל אָנְקוּמֶען אַהֵיים, טְרַאכְט אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ שׁוֹין פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט וֶוען אִיךְ וֶועל אָנְקוּמֶען אַהֵיים, פַארְוָואס בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דָאס וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר? אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דֶעם.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִּינְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס זָאל זַיין, וָואס עֶס זָאל זַיין, אוּן וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זַיין; נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט וָואס גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טְרַאכְטְסְט זֵייעֶר גוּט, אַזוֹי דַארְף מֶען טְרַאכְטְן.

מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס - עֶר זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן דַאוֶונֶען צוּ אִים אוּן בֶּעטְן פוּן אִים עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר אוּנְז. מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּן דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן. דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי נוּסָח הַתְּפִלָּה אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ בֶּעטְן אוֹיף רְפוּאָה, אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן בֶּעטְן פוּן אִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט אִים דְרֵיידְט עֶר אַלֶעס אוֹיס אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז יְשׁוּעוֹת.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

## וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ אַן אִינְפֶעקְצְיֶע אִין מַיין אוֹיג שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג, וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועגְן דֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַפָּאר מָאל אַז דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז בְּדִיעֲבַד קֶען מֶען נוּצְן תִּשְׁעָה קַבִּין. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ מֶען קֶען אַנְשְׁטָאט דֶעם וַואשְׁן דִי הֶענְט

פֶּערְצִיג מָאל לוֹיט דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וָואס דָאס אִיז מִיר פִיל גְרִינְגֶער אוּן עֶס נֶעמְט אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער, אָדֶער אִיז יָא מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ מַאכְן דַוְקָא תִּשְׁעָה קַבִּין וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה - זָאלְסְטוּ גִיסְן אוֹיף זִיךְ ט' קַבִּין וַואסֶער; דָאס הֵייסְט נֶעם אַ שׁוֹיעֶר אוּן פַאר בְּעֶרֶךְ פִינְף מִינוּט זָאלְסְטוּ לָאזְן גִיסְן דִי וַואסֶער אוֹיף זִיךְ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס אִיז נָאר פַאר אַ מַאן בִּשְׁעַת הַדְּחַק.

מַה טוֹב וּמַה נָּעִים צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן קַארְלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִקְוֶה אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען קַיין שׁוּם מִצְוָה נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵגוֹת נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב, אָן מְצַעֵר זַיין מַיין פַאמִילְיֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַיֶּ' אוּן הֶעלְפְן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט מֶען נִשְׁט לִיב בְּרֶסְלֶב, מֶען רֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער מִיר צִיט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס גֶעבְּט מִיר אַ סִיפּוּק אוּן חַיּוּת אִין לֶעבְּן, וֶוען אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט פְרוֹיעֶן פוּן בְּרֶסְלֶב וֶוער אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גוּטֶע אַטְמָאסְפֶער, וִוי יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן פַּאזִיטִיו, וִוי מֶען זָאגְט יֶעדֶע מִינוּט "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קְהִלָּה.

וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אָבֶּער אַן עֵצָה מִיט מַיין פַאמִילְיֶע? וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק נִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען הַאלְט מִיר פָאר וֶועגְן בְּרֶסְלֶב? יֶעדֶעס מָאל אִיךְ ווִיל גֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מְסִבָּה אָדֶער צוּזַאמְקוּם אִין בְּרֶסְלֶב, דַארְף אִיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ תֵּירוּץ פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואו אִיךְ גֵיי אוּן פַארְוָואס אִיךְ גֵיי, יֶעדֶעס מָאל בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל מְסוּפָּק אוֹיבּ אִיךְ זָאל זֵיי בִּכְלַל זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי צוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְּלַאץ אָדֶער טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ תֵּירוּץ וואו אִיךְ גֵיי, וִוי לַאנְג קֶען אִיךְ דָאס אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אָפְן אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ ווִיל גֵיין צוּ בְּרֶסְלֶב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ צוּ אַייךְ אַ פְרַאגֶע, פַארְוָואס דַארְפְן בִּכְלַל אַייעֶר מִשְׁפָּחָה וִויסְן אַז אִיר נֶעמְט אַייעֶר חַיּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? פַארְוָואס דַארְף צוּגֵיין דָאס הִתְקָרְבוּת מִיט מַחֲלֹקֶת? פַארְוָואס אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ? צִי דֶען קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" אִין שְׁטוּבּ? מֶען מוּז זִיךְ צֶעקְרִיגְן מִיט מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ - צוּ קֶענֶען זָאגְן "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"? מֶען קֶען דָאךְ זַיין מְקוּרָב, בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אוֹיסְהֶערְן שִׁיעוּרִים, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - אָן גֵיין אוּן קוּמֶען וְכוּ'.

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם, וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב? בְּרֶסְלֶב אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי

גֶעבְּט אוּנְז חִיזוּק צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע זְמַנִים אִין לֶעבְּן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, שִׁיעוּרִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וְוִי זֵיי לֶערְנֶען אוּן דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּי'ן - וֶוערְט דֶער לֶעבְּן אַזוֹי זִיס, מֶען הָאט כֹּחַ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ אַ לֶעבְּן פוּן גַּן עֵדֶן.

עֶלְטֶערְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען פְּלוּצְלוּנְג יֶעדְן טָאג וִויל זֵייעֶר טָאכְטֶער גֵיין דָא, גֵיין דָארְט; מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דָאס קִינְד וִויל כְּסֵדֶר אַרוֹיסְגֵיין. דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב, אוּן אַסַאךְ מָאל הֶערְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ שְׁפַּארְן אַרוֹיס צוּ גֵיין דָא, אַרוֹיסְגֵיין דָארְט; מֶען קֶען הָאבְּן גוּטֶע חַבְרֶ'טֶעס דוּרְךְ רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט מֶען אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בִּין אַפָּאר יָאר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל ווִיסְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט שְׁטִילֶערְהֵייט שִׂיחוֹת מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעחָלוֹמְ'ט בִּכְלַל אַז אִיךְ בִּין בְּרֶסְלֶב. שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סוֹד, מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ דֶערְווּיסְט אַז אִיךְ צִי זִיךְ קַיין בְּרֶסְלֶב. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְן צוּרִיקְקוּמֶען פוּן אוּמַאן בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אַלֶע זְמַנִים וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם מִיט מִשְׁפָּחָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַוֶועקְגֶעלָאפְן יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי.

מוֹהֲרַאַ"שׁ הָאט מִיר דָאס גֶעלֶערְנְט. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרַאַ"שׁ פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת: "אִיךְ קוּם אַרַיין קַיין בָּארָא פַּארְק צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף שָׁבוּעוֹת, מַיין טַאטֶע דַאוֶוענְט בַּיי מַיין זֵיידֶע (שְׁלִיטָ"א [זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה], חֲבֵרִים זָאגְן מִיר אַז אִיךְ מוּז קוּמֶען דַאוְונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל שָׁבוּעוֹת דַאוֶוענְט מֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, אָדֶער זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן דַאוְונֶען אִין קַארְלְסְבּוּרְג מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט מַאכְן מַחֲלֹקֶת?" מוֹהֲרַאַ"שׁ זָאגְט מִיר: "קוֹדֶם גֶעבּ

אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זַיין בָּזֶה הָעוֹלָם אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ"; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת, בְּלַייבְּן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן דָארְט לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַ וֶועג צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז אִיךְ גֵיי וָתִיקִין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען וֶועל אִיךְ גֵיין צוּ מַיין זֵיידֶע, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַפָּאר יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן מִיטְ'ן טַלִּית בַּיי מַיין זֵיידֶעס מִנְיָן פַאר כַּמָּה שָׁעוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן טַלִּית אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל וִויסְן אַז אִיךְ בִּין אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

בַּאזוּנְדֶער וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס ווִילְן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בַּיי זֵיי אִיז דָאךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַיין מַחֲלֹקֶת. בַּיי מֶענֶער, דָארְט קְלַאפְּט עֶס אוֹיס בַּיים פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּיךְ, פְרוֹיעֶן פָארְן נִישְׁט קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען דָאךְ בְּלַייבְּן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן גֵיין צוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַּאזֶעטִיוו אוּן זָאגְן אַ גַאנְצְן צַייט "שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"? צִי דֶען קֶען מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֶען מוּז שְׁטֵיין נֶעבְּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען זָאגְן "שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"?!

גֶעדֶענְקְט, בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן מִשְׁפָּחָה, בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר דִי זַאךְ: דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט; דָאס קֶען מֶען טוּן וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען גָאר מְקָרֵב זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן.

...

## וָואס מֵיינְט אַז מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "וֶוען עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער, אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וואוּ דָאס שְׁטֵייט, אוּן וָואס מֵיינְט דָאס אַז מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל; וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶסְן

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט) פַּעַם אַחַת אָמַר לִי בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אַמָאל הָאט מִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "אִין אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, אִיז מֶען זִיךְ גָאר מְבַטֵל", הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, אִיז בִּטוּל".

זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "מִזֶּה מוּבָן עֵצָה", דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר פַארְדְרֵייט אִים דֶעם קָאפּ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר מַאכְט בִּלְבּוּלִים אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ בַּאזִיגְן; זָאל מֶען זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָּל הָאָדָם יָכוֹל לְבַטֵּל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי לִפְעָמִים", דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן, יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהַיְנוּ לִסְתּוֹם פִּיו וְעֵינָיו וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת וּמַחְשָׁבָה כְּלָל", זִיךְ פַארְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, "רַק יְבַטֵּל עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְגַמְרֵי", אוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וְאַפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶלֶע מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? עֶפֶּעס וָואס מֶען טוּט יָא אָדֶער מֶען טוּט נִישְׁט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

בְּנוֹסָף לָזֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי

שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי שַׁעַר, דִי טִיר וואו אָנְצוּקוּמֶען, וַוייל עֶס אִיז דָא פּוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פַאר תְּשׁוּבָה; דָאס קֶען מֶען יֶעצְט זוֹכֶה זַיין אִין דִי סְפִירָה טֶעג.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועןְ, מִיר זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. נִישְׁט הָאבְן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, וַוייל דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶועןְ זֶה לָזֶה (יְבָמוֹת סב:); אִיז יֶעצְט אַ צַייט דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין, זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אוּן זָאגְט אַז דִי וַוייבּ דַארְף זַיין נוּמֶער אֵיינְס בַּיים מֶענְטְשׁ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן בַּיי מִיר אַז זִי זָאל זַיין בַּיי מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין לֶעבְן, אוּן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר מַאכְן שְׁפִּירְן טַאקֶע ווִי זִי אִיז בַּיי מִיר נוּמֶער אֵיינְס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג בַּיי דִי שִׁיעוּרִים - אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶועזְן אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הִזְהִיר לְכַבֵּד וּלְיַקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָואוֹרְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ, "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", וַוייל דִי וַוייבֶּער לַיידְן אִין לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה אוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

קוּק אִין דִי תּוֹרָה ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין שְׁטוּב. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְּבֵיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיאַ'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידֵי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", ווען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע

זַאךְ וָואס זַיין ווייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, עֶר הָאט דָאס שֵׁיין אַיינְגֶעפַּאקְט פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?! הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זִיךְ זָארְגְן פַאר דִי ווייבּ, אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן - אֲפִילוּ זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט נִישְׁט שֵׁיין.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֶען טוּט אִיר צוּ מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין פד:) "מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים קיב, ה): 'טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט', לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִיצְן זַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פַאר זִיךְ צוּ עֶסְן וֶוענִיגֶער ווִיפִיל עֶר הָאט, אוּן פַאר זַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר גֶעבְּן מֶער ווִיפִיל עֶר הָאט; וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ אַזוֹי אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אִיר גֶעבְּן אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פָּרָשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן בְּגָדִים פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיי עֶסְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֶוייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין ווייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מֵפִיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י קְדוֹשִׁים), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ מְתַקֵן דַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): ״מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ״, וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, ״כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא״, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִיתִים וָואס מֶען קֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם גִלוּי עֲרָיוֹת; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דִי מַזָל, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה; וִויפִיל מֶען וֶועט נָאכְלוֹיפְן דִי גֶעלְט - וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֶׁפַע, אוּן אַז מֶען פַארְרֶעכְט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - קוּמְט שֶׁפַע אִין צַייט. מוֹהֲרַא״ש זָאגְט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״, ׳יְשַׂבֵּרוּ׳ - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין ׳יְשַׁבֵּרוּ׳, אַ לָשׁוֹן פוּן צֶעבְּרֶעכְן, דֶעמָאלְט ״וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״ - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶסְן אוּן שֶׁפַע אִין צַייט (אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ

גֶעזֶען בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין גַאס און זֵיי הָאבְּן אַ נִסָיוֹן צוּ קוּקְן אוֹיף פְּרִיצוּת, זָאגְן זֵיי צוּ זִיךְ דֶעם פָּסוּק "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ" אוּן זֵיי בֶּעטְן גְלַייךְ אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק נִישְׁט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח").

שֵׁנִית זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים פַּארְרֶעכְט מֶען וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה בְּנָקֵל (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט); זֵיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל פַארְרֶעכְטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אִיךְ וִויל אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג אִים וִוי עֶנְג דוּ בִּיסְט, זָאג אִים דַיין בּוּדְזְשֶׁעט; וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט, וִויפִיל דוּ מַאכְסְט אוּן וִויפִיל עֶס פֶעלְט דִיר - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיף פַּרְנָסָה, דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי טְרִיט; אַז דוּ וֶועסְט טוּן דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁרִיט - וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען וִוי עֶס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, עֶס וֶועט זַיין שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין אִינְגְל הָאט אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער חָבֵר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין אִינְגֶל דְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ חַבֵר וָואס טוּט מִיט אִים נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, דֶער חַבֵר הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע שְׁטוּב אוּן עֶר מוּטְשֶׁעט אַלְץ מַיין אִינְגֶל עֶר זָאל קוּמֶען שְׁפִּילְן צוּ זַיין הויז, אוּסֶער וָואס זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אוּיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן חֵדֶר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אֶן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל בַּאלֵיידִיגְן אוּן טְשֶׁעפֶּען דֶעם חַבֵר. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַּאר'ן מְלַמֵד דֶערְוֶועגְן, אָבֶער וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ אוּן אִיךְ דַארְף טוּן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ רֶעדְן כְּסֵדֶר צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף אוּיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי הֲלָכוֹת פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן אַז אוּיבּ אַ קִינְד אִין חֵדֶר, אַ שָׁכֵן, אָדֶער אֲפִילוּ אַ בְּרוּדֶער - ווִיל זִיךְ בַּאהַאלְטְן, זִיךְ אוּיסְטוּן דִי קְלֵיידֶער, זִיךְ אָנְרִירְן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן, מֶען זָאל אַוֶועקְלוֹיפְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי בַּאקְוֶועם מַאכְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, וַוייל נָאר אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי - וֵוייסְן זֵיי פוּן וָואס זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי פַאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר מְנִיוָולִים.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי נַארִישׁ אוּן פַארְ'עַקְשְׁנְ'ט נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז מֶען פָּשׁוּט דֶערְשְׁרָאקְן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אִיבֶּער זִיךְ הִיטְן פוּן מְנִיוָולִים; פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער? אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער פַאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר מְנִיוָולִים, זֵיי וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּ רוֹצְחִים, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ, מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְן וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן.

מֶען זֶעט אַזוֹיפִיל פַּאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, מֶען וֶוערְט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דְרָאגְס, עַל פִּי רוֹב זֶענֶען זֵיי קָרְבָּנוֹת פוּן מְנִיוָולִים; זֵיי עֶנְדִיגְן דִי לֶעבְּן מִיט דְרָאגְס, בִּיז זֵיי שְׁטַארְבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערְפַאר לִיגְט אַ חִיּוּב אוֹיף עֶלְטֶערְן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. עֶלְטֶערְן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז מֶען וֶועט שׁוֹין רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, וַוייל וֵויינִיג תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵיידֶער רֶעדְט מֶען פוּן אַלֶעס - אוֹיסֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; מֶען רֶעדְט פוּן אַ נֵייעֶ אִידִישְׁקֵייט, מֶען רֶעדְט פוּן תַּאֲווֹת אֲכִילָה; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן וויכְטִיגֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן - רֶעדְט מֶען אַז דִי עֶסְן פַּאסְט נִישְׁט פַאר אוּנְזֶער קְהִלָּה צוּ עֶסְן, אוּן דִי טְרִינְק פַּאסְט נִישְׁט פַאר אוּנְזֶערֶע קְרֵייז, הֶבֶל הֲבָלִים; אָדֶער אַז בַּיי אוּנְז גֵייט מֶען מִיט אַ גַארְטְל אַ גַאנְצְן טָאג, וְכַדּוֹמֶה.

רֶעד צוּ דַיין קִינְד, אוֹיךְ רֶעד צוּ זַיין חַבֵר; זָאג זֵיי: "אִיר קֶענְט זַיין חֲבֵרִים, אָבֶער מֶען מוּז שְׁפִּילְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען מוּז זַיין עֶרְלִיךְ, אַז נִישְׁט בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הִיטְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

פַאְרלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶפֶּענֶען זִיךְ אוֹיף מֶער אוּן מֶער פֶענְסְטֶערְס אִין הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

...

**הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶע'כַּשֶׁרְ'ט מַיין קָאךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט אַלֶע קַאוּנְטֶערְס. עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַזוֹי טוּן; נָאכְן כַּשֶׁרְ'ן דִי קַאוּנְטֶערְס - דָאס אִיבֶּערְדֶעקְן. אַזוֹי אוֹיךְ דִי סִינְקְס; אַלֶעס וָואס מֶען נוּצְט מִיט הֵייסֶע חָמֵץ - דֶעקְט מֶען אִיבֶּער.

דִי פִּיסְל פוּן דִי לַייכְטֶער כַּשֶׁר אִיךְ אוֹיךְ; מִיר לֵייגְן נִישְׁט פֶּסַח אוֹיפְ'ן

טִישׁ זַאכְן וָואס לִיגְן אַ גַאנְץ יָאר אוֹיפְ׳ן טִישׁ, אֲפִילוּ מֶען נוּצְט דָאס נִישְׁט צוּם עֶסְן - נָאר אַז מֶען כַּשֶׁרְ׳ט דָאס. אַזוֹי אוֹיךְ דִי זַאכְן וָואס וֶוערְן זִיךְ אִין חָמֵץ אַ גַאנְץ יָאר, צוּם בֵּייְשְׁפִּיל בֶּענְטְשֶׁערְס, סִדוּרִים וָואס מֶען נוּצְט בַּיים עֶסְן - דָאס נוּצְן מִיר נִישְׁט פֶּסַח, מִיר הָאבְן אֲוֶועקְגֶעלֵייגְט צְוִוישְׁן דִי פֶּסַח כֵּלִים - פֶּסַח סִדוּרִים, פֶּסַח תְּהִלִּים׳ס אוּן פֶּסַח בֶּענְטְשֶׁערְס; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶס לִיגְט מִיט חָמֵץ, מֶען נוּצְט דָאס נִישְׁט פֶּסַח.

פְּרוּוְוען צִירוּנְג פוּן דִי הֶענְט, ווִי רִינְגְלֶעךְ - אִיז כְּדַאי צוּ כַּשֶׁרְ׳ן. מֶען קֶען דָאס אַלֵיינְס כַּשֶׁרְ׳ן אִין שְׁטוּבּ, מֶען קָאכְט אוֹיף אַ טֶעפְּל וַואסֶער אוּן מֶען כַּשֶׁרְ׳ט דָאס, וַוייל דָאס וֶוערְט חָמֵץ׳דִיג בִּשְׁעַתְ׳ן קָאכְן אוּן בִּשְׁעַתְ׳ן עֶסְן, אוּן אַז מֶען גֵייט מִיט דֶעם פֶּסַח - אִיז כְּדַאי דָאס צוּ כַּשֶׁרְ׳ן.

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט אִיז מַמָשׁ אַ גַן עֵדֶן, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דָארְט צוּ זַיין; אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת; דִי קִינְדֶער לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, דִי לוּפְט אִיז דָארְט אַ רֵיינֶע לוּפְט, יֶעדֶער הָאט מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן תְּפִלָּה; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶע רֶגַע דָארְט צוּ זַיין.

מָארְגְן וֶועט זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ קוּם צוּרִיק צוּם שִׁיעוּר. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְכַאפְּן פַאר דִי שָׁעָה צוּ הֶערְן אַבִּיסְל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם לֵיל הַסֵּדֶר.

אַז דוּ וֶועסְט דִי יָאר מַאכְן אַן אֵייגֶענֶעם סֵדֶר - אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זָאגְן אָנְהוֹיבּ פַאר "הָא לַחְמָא עַנְיָא" - דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן פַּרְשַׁת בֹּא (מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין הַגָּדַת אוֹר זָרוּעַ). ווִי דֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר. אַז דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן מִיט זֵייעֶר סֵדֶר, אֶפְשַׁר וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ ווִי זֵיי זָאגְן דִי קַשְׁיוֹת פוּן דִי מַה נִּשְׁתַּנָּה - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ דָאס זָאגְן פַאר דִיר. אַז מֶען קוּקְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער וֶוערְט דָאס הַארְץ צֶעפְלַאמְט, וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, אַ גֶעוַואלְד - וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאגְן דִי הַגָּדָה, וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל קוּמְט אַרָאפּ מִיט דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה זֶען דִי סֵדֶר נַאכְט.

נֶעכְטְן אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל; יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל לוֹיף אִיךְ קוּקְן דִי חֵדֶר, דִי מוֹסָד אִיז מַיין זַאךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן מִיט אַזַא רֵיינְקֵייט.

הַיינְט הָאבְּן מִיר אַ בְּרִית דָא אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בְּרִית אַ חוֹדֶשׁ פַאר פֶּסַח, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּארְג פוּן חוֹבוֹת, דִי מוֹסָד אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג, נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל תַּלְמִידִים חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן אַזוֹי וִוי הַיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶערמָאלְט שְׁטֶערְנְס, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט בַּיים בְּרִית צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "מַאךְ מִיר אַ נֵס, אִיךְ וִויל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים"; אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס. אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר בַּיים בְּרִית זָאלְסְט שׁוֹין הָאבְּן דַיין יְשׁוּעָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען מָארְגְן בַּיים שִׁיעוּר.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### גֶעב דֶעם נָאמֶען וָואס דַיין טַאטֶע וִויל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעב דֶעם נָאמֶען וָואס דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א וִויל, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע זַיין צוּפְרִידְן; סַיי דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוּן סֵיי דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ גָּדוֹל בַּתּוֹרָה; דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אֵיין זַאךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער: "אַ הַארְץ וָואס וֵויינְט" - מִיט דַיין נָאמֶען; אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין,

פַאְרוָואס 'אַ הַארְץ וָואס וֵויינְט'? וֵויינְט פון וָואס? שְׁרַייבּ זִיךְ אוּנְטֶער: "אַ הַארְץ וָואס אִיז פוּל מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דוּ בִּיסְט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט נָאךְ אַ לִיכְטִיג קִינְד, "אַ הַארְץ וָואס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד"; שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֵויינְט, יֶעצְט הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

...

### אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע הַלְוָאָה צוּ קוֹיפְן אַ קֶעמְפּ אוּן קָאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹדֶם, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן צוּזַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס נוֹיטִיגְן זִיךְ יֶעצְט דֶערִין פַאר'ן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אַ קְלֵיינֶע בַּקָּשָׁה, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר שַׁאפְן הַלְוָאוֹת פוּן אַ מִילְיָאן זִיבְּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער; אִיךְ וִויל קוֹיפְן אַ קֶעמְפּ פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶל קָאנְטְרִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אֶפְשָׁר פְרֶעגְסְטוּ אַ צֶען פוּפְצְן אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען בָּארְגְן, יֶעדֶער אֵיינֶער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, אָדֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט, אוּן אַזוֹי צוּזַאמְשְׁטֶעלְן 1.7 מִילְיָאן דָאלֶער.

אִיךְ קֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דָאס בַּאצָאלְן בִּיז צְוֵויי יָאר.

לָאז מִיר וִויסְן.

אַ פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

...

### וֶוען צִינְדְט מֶען לִיכְט אוּם יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין הַיינְט אַרִיבֶּער מִיט דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' דִי פְּלֶענֶער פַאר דֶעם

קוּמֶענְדִיגְן יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, מִיר ווילְן זֵייעֶר אִיר זָאלְט צוּרִיקְקוּמֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ און הַצְלָחָה אִין דִי אַרְבֶּעט.

בְּנוֹגֵעַ צִינְדְן לֶעכְט יוֹם טוֹב; בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פִיר אִיךְ זִיךְ, מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ צִינְדְט דִי לִיכְט יוֹם טוֹב בַּיי דִי סְעוּדָה, גְלַייךְ פַאר קִידוּשׁ.

אַ כָּשֶׁר׳עֶ און פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

...

**צִינְדְט אָן אִין שְׁטוּבּ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

שְׁטַארְקְט זִיךְ בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, צִינְדְט אָן אִין שְׁטוּבּ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נִיגוּנִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זִינְגֶען: ״מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״; דֶער נִיגוּן וֶועט מָשִׁיחַ זִינְגֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין אֵיין שָׁאס פּוּלְוֶוער״; עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, מִיט אֱמוּנָה.

אִיךְ בִּין הַיינְט אַרִיבֶּער מִיט דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ דִי פְלֶענֶער פַאר זוּמֶער און פַארְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, מִיר ווילְן זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער בְּלַייבְּן אִין סְקוּל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ, דִי עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען.

אַ כָּשֶׁר׳עֶ און פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

...

**אַ הֶערְלִיכֶע קְלַאס; דֶרֶךְ אֶרֶץ און דִיסְצִיפְּלִין, און אוֹיךְ שִׂמְחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה ווִי אַזוֹי אִיר פִירְט דִי קְלַאס, עֶס הֶערְשְׁט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזַא דִיסְצִיפְּלִין, און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה; דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶערֶעדְט מִיט דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳, מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי פְלֶענֶער פַארְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, מִיר ווילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר, זֵייעֶר וואוֹיל; יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ טְרֶעף אִים פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁרְ׳ן פֶּסַח.

...

**וַואקְסִינִירְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָׁה און מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִינֶעם זְכוּת וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ און הַצְלָחָה, און נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער און תַּלְמִידוֹת, מִיר זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ וַואקְסֶענִירְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָׁה און מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁרְ׳ן פֶּסַח.

...

## מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר נַאכְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי אִיר ווִילְט זַיין בַּיי מַיין סֵדֶר - ווִילְן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זַיין, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ קוּמֶען, וַוייל אַסַאךְ ווִילְן קוּמֶען; אַזוֹי וִוי אִיר מוּטְשֶׁעט מִיר, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט מוּטְשֶׁען מִיר נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאג אַייךְ אָפּ, אִיר זֶענְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, פַארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ, (בִּפְרַט אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיין יָאר).

מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר נַאכְט אִין שְׁטוּבּ. פְּרוּבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ 'וָואס וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעטוּן אִין אַזַא פַאל?' דֶערְמַאנְט אַייךְ פוּן דִי דְרָשׁוֹת, בְּרִיווּ אוּן שִׂיחוֹת - וֶועט אִיר זַיין בַּיי מַיין סֵדֶר, בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ וֶועט זַיין מַיין סֵדֶר.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש בַּיים סֵדֶר, דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ יֶעדֶע יָאר בַּיים סֵדֶר, אוּן בַּיי יֶעדֶע סְעוּדַּת שַׁבָּת - וִוי אִיךְ זִיץ בַּיי מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מוֹהֲרָא"ש אִיז מִיט מִיר.

...

## אַפִּיעֶל צוּ הֶעלְפְן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַן אַפִּיעֶל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט, ווִייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין.

דִי אַפִּיעֶל אִיז גֶעוֶוען, הֱיוֹת עֶס זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, מֶען דַארְף זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן - אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קַיין גֶעלְט, מֶען רֶעדְט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן

נִישְׁט קַיין כֹּחַ, זֵיי זֶענֶען אָפְּגֶעמַאטֶערְט, זֵיי אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוֹיסְצוּרוֹימֶען דִי חָמֵץ און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

דִי אַפִּיעֶל אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער זָאל אַהֵיים גֵיין נָאךְ מַעֲרִיב און גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוֹיךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן; גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט, צֶען מִינוּט; אוֹיסְהֶערְן, זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי וַוייבּ.

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן מַאכְן אַ מַגְבִּית. אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי בֶּעטְן גֶעלְט, נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי אַלֶע זִיךְ צֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ הֶערְן אַזַא סָארְט מַגְבִּית, אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מַאכְן אַזַא סָארְט אַפִּיעֶל...

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין אִינֶעם מַגְבִּית. גֵיי אַהֵיים, הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, הֶער אִיר אוֹיס, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער. גֶעבּ אִיר אַפָּאר דָאלֶער זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס פַאר יוֹם טוֹב, אַ שֵׁיינֶע זַאךְ. און אַז זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי שְׁרֵייט, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, פַארְשְׁטֵיי אִיר, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף זֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּם נַיין אַזֵייגֶער, אִיךְ הָאף דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר; אוֹיךְ וֶועט מֶען קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר אִין לִיבֶּערְטִי, בְּלוּמִינְגְרָאוו, מָאנְסִי און לֶעיקְוָואד; קוּם זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## דִי בֶּעסְטֶע נַחַת אִיז וֶוען דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

וָואס נָאךְ דַארְף אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וֶוען זִי זֶעט אִירֶע קִינְדֶער מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - אִין לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן?

אַייעֶרֶע זִין זֶענֶען מְלַמְּדִים אוּן דִי טֶעכְטֶער זֶענֶען טִיטְשֶׁערְס; וָואס נָאךְ דַארְף מֶען? וָואס נָאךְ מֶער פוּן דֶעם אִיז דָא? דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע, הֶעכְסְטֶע, רַייכְסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע פַארְמֶעגְן.

בְּלַייבְּט נָאר אִיבֶּער צוּ וואוּנְטְשְׁן אִיר זָאלְט נָאר זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'

יְיַשֶׁר כֹּחַ ... תִּחְיֶ' פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער אִין בֵּית פֵיגָא, אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן מַאמִי תִּחְיֶ'; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי דוּ בִּיסְט מְחַיֶּ' מַאמִי וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרִיבֶּער הֶעלְפְן.

דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר מַאכְט מִיר אַזוֹיפִיל נַחַת, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶועןְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה.

...

### מֶען וֶועט נָאר גֶעדֶענְקֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

וֶוען מֶען טוּט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן - טוּט מֶען פַאר זִיךְ, וֶוען מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן - אִיז מֶען זִיךְ מְתַקֵּן. אוֹיף דִי וֶועלְט זֶעט מֶען נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, מֶען זֶעט נָאר דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן טוּן פַאר זִיךְ; וֶוער עֶס הָאט אַ שֵׁיינֶע הוֹיז, אַ שֵׁיינֶע קַאר, אַ בִּיזְנֶעס - דֶער אִיז חָשׁוּב, אוֹיבְן אִיז עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, אוֹיבְן אִיז דָא אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעטוּן פַאר אַנְדֶערֶע, וֶוער עֶס הָאט גֶעטוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר: ״זָאג פַאר דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס, פַאר דִי מְחַנְכוֹת, ׳אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט מֶען נִישְׁט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס פַאר אַ קְלֵייד דוּ הָאסְט אָנְגֶעטוּן, וָואס פַאר אַ שִׁיךְ הָאסְט גֶעטְרָאגְן, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס פַאר אַ קֶערִידְזְשׁ הָאסְט גֶעהַאט, וָואס פַאר אַ קַאר הָאסְט גֶעדְרֵייוְוט, אָבֶער אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען יָא גֶעדֶענְקֶען, דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר דִי קִינְדֶער, דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער׳״.

אִיךְ הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער טוּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אַ כָּשֵׁרְ׳ן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

### דִי יְשׁוּעָה קוּמְט בְּקָרוֹב, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר וֶועט הָאבְן קִינְדֶער, זַייט נִישְׁט בַּאזָארְגְט, זַייט נִישְׁט פַארְ׳דַאֲגָה׳ט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ) וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג הֶערְט מֶען אַזַא גֶעלֶעכְטֶער, דֶער נַאכְט פַארְלִירְט זַיין

נָאמֶען, מֶען גֶעדֶענְקְט מֶער נִישְׁט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל נַאכְט; דָאס גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף דִי גְּאוּלָה הָעֲתִידָה, עֶס וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי גָלוּת טֶעג וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ נַאכְט, אוּן אוֹיךְ בִּפְרָטִיּוּת בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען עֶס אִיז נַאכְט, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג, מֶען הָאט חֲתוּנָה - גֶעדֶענְקְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ נַאכְט; מֶען וֵויינְט, מֶען וַוארְט, מֶען מֵיינְט אַז מֶען וַוארְט שׁוֹין, דֶערְוַוייל וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, עֶס אִיז מַמָּשׁ נַאכְט; פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט טָאג, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל גֶעוֶוען נַאכְט.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיין זַאךְ זָאלְט אִיר טוּן, אֵיין קַבָּלָה טוֹבָה, נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. רֶעכְנְט אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן גוּטֶע זַאכְן פוּן אַייֶער לֶעבְּן אוּן דַאנְקְט אִים; דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי טִירְן אִין הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

...

### אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז בַּיי אוּנְזֶער קְהִילָה אִיז צְנִיעוּת אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶ׳עֶ לְבוּשׁ צְוִוישְׁן זַיינֶע תַּלְמִידוֹת, אַ הֶעכֶערֶע שְׁטַאפְּל אִין צְנִיעוּת. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם: ״בְּרֶענְג מִיר אַ לִיסְטֶע פוּן צֶען וַוייבְּלֶעךְ וָואס וֶועלְן זִיךְ אָנְטוּן דֶעם לְבוּשׁ״ וְכוּ׳, אוֹיף צוּמָארְגְנְס הָאט יֶענֶער גֶעהַאט צֶען נֶעמֶען. עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט אִים: ״אַזוֹי שְׁנֶעל, אִין אֵיין טָאג הָאסְטוּ גֶעפוּנֶען צֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען מַסְכִּים זִיךְ אָנְצוּטוּן דֶעם לְבוּשׁ?״ דֶער רֶבִּי קוּקְט דִי נֶעמֶען, דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: ״אִיךְ דַארְף צֶען יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, נִישְׁט

צֶען עֶלְטֶערֶע פְרוֹיעֶן", דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין: "אַז מֶען ווִיל דוּרְכְבְּרֶעכְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ לְבוּשׁ - קֶען דָאס נָאר גֵיין מִיט יוּנְגֶע, זֵיי מוֹחֵל בְּרֶענְג מִיר צֶען מִשְׁפָּחוֹת יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ"; דָאס הָאט יֶענֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אִין אֵיין טָאג.

בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ צַדִיק, אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל זָאגְט אַזוֹי - אִיז דָאס אַזוֹי, יֶעצְט זֶע אִיךְ דָאס מִיט דִי אוֹיגְן. פוּן וֶוען אִיר מִיט נָאךְ אַפָּאר בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן שֶׁפִּיצְלֶעךְ - אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַ רוּדֶערֵיי, נָאךְ אוּן נָאךְ וַוייבְּלֶעךְ ווִילְן זִיךְ אָנְטוּן דֶעם לְבוּשׁ, עֶס שְׁלָאגְט וָוארְצְלֶען, עֶס אִיז עוֹשֶׂה פֵּירוֹת.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז בַּיי אוּנְזֶער קְהִילָה בַּיי דִי וַוייבֶּער - אִיז צְנִיעוּת אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. עֶס אִיז נִישְׁט בִּכְפִּיָ', נִישְׁט גֶעצְווִינְגֶען; מֶען ווִיל גֵיין אַזוֹי, מֶען הָאט דָאס לִיבּ.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן צֶעפְלוֹיגְן, שְׁלֶעפֶּערִישׁ אוּן שְׁלַאבֶּערִישׁ, נָאר שֵׁיין, אֵיידְל אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן רַייךְ; אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ, דִי פְרִישֶׁע דוֹר - דָאס וֶועלְן נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ וֶועלְן אוֹיסְקוּקְן גוּט.

...

## תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא רֶעדְן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁמוּעֶסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אִין סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי. אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִין סְקוּל אִיז נָאר ווַייל מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גֶעטְרַייעֶ טִיטְשֶׁערְס, וַוארֶעמֶע טִיטְשֶׁערְס; טִיטְשֶׁערְס וָואס קוּמֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן פַאר זֵייעֶר גֶעהַאלְט, זֵיי קוּמֶען אַרְבֶּעטְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, פַאר דִי קִינְדֶער; אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן נָאךְ אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - דָאס אִיז אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר מַאכְט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אִיר

נֶעמְט אַייעֶרע חַבֶר׳טֶעס, יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ; מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק, דֶעם רֶבִּינְ׳ס וִויטַאמִינֶען.

אַז אִיר וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ וֶועט אִיר זֶען, וואו פְּרוּיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם - וָואס רֶעדְט מֶען? וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען? אָדֶער פוּן אַ נֵייעֶ וִויטַאמִין, אַ נֵייעֶ דֵייעֶט אָדֶער אַ נֵייעֶ הַאטְלֵיין; תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע סָארְט וִויטַאמִינֶען, אַנְדֶערֶע שְׁמוּעֶסְן - פוּן תְּפִלָּה מַעֲשִׂיּוֹת, הֲפָצָה מַעֲשִׂיּוֹת, וַתְּרָנוּת מַעֲשִׂיּוֹת, פוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מַעֲשִׂיּוֹת - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא דַארְפְן וִויסְן אַז זֵיי פַארְטְרֶעטְן בְּרֶסְלֶב, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף זֵיי - קוּקְט מֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב; לוֹיט וִוי זֵיי פִירְן זִיךְ - וֵוייסְן מֶענְטְשְׁן וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. דַארְף מֶען אַלְץ זִיךְ פִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

...

**אִין זְכוּת פוּן טוּן אִין חִינוּךְ הַבָּנוֹת, וֶועט מֶען זֶען אַסַאךְ נַחַת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן בֵּית פֵיגָא אִין קִרְיַת יוֹאֵל.

דִי מְנַהֶלֶת תְּחְיֶ׳ דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אִיר זֶענְט דָארְט מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. דִי אַנְדֶערֶע וַוייבְּלֶעךְ זֶענֶען מִיר אַנְטְלָאפְן וְכוּ׳, נָאר אִיר זֶענְט גֶעבְּלִיבְּן.

נָאךְ פֶּסַח וֶועלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ טִיטְשֶׁער, אַ תַּלְמִידָה; הַכַּלָּה ... תְּחְיֶ׳. זִי אִיז אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, אִיךְ הָאף זִי וֶועט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן.

בִּזְכוּת וָואס מֶען טוּט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט בְּחִנּוּךְ הַבָּנוֹת - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב; מֶען זֶעט נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

...

## עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ; וֶוען עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען - נָאר גְלַייךְ בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין.

מַאךְ בְּדִיקַת חָמֵץ מִיט דִי קִינְדֶער; נֶעם יֶעדְן קִינְד מִיט, גֶעב יֶעדְן עֶפֶּעס; אֵיינֶער זָאל הַאלְטְן דִי לֶעפְל, אַ צְוֵוייטֶער דִי פֶעדֶער, דֶער דְרִיטֶער זָאל הַאלְטְן דֶעם זֶעקְל אוּן צֵיילְן וִויפִיל בְּרֶעקְלֶעךְ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן, דֶעם פֶערְטֶער זָאל שְׁלֶעפְּן דֶעם לֵייטֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַלֶע זָאלְן מְחוּנָךְ וֶוערְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין אַ חֵלֶק בַּיים מַאכְן דִי מִצְוֹת; אַזוֹי גֵייט אַרַיין דִי מִצְוֹת אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, עֶס בְּלַייבְּט אִין זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט.

מֶען פִירְט זִיךְ אַוֶועקְצוּלֵייגְן צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ חָמֵץ אוּן דָאס צַאמְנֶעמֶען בַּיים בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, דָאס לֵייגְט מֶען אַוֶועק צוּ פַארְבְּרֶענֶען; אַנְדֶערֶע חָמֵץ - וַוארְף אַלֶעס אַוֶועק אִין דִי מִיסְט; בַּיים פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ דַארְף מֶען נִישְׁט מֶער וִוי דִי צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ.

נָאכְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן "כָּל חֲמִירָא", אוֹיךְ דִי "יְהִי רָצוֹן" וואוּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע לֶעבְן, אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת.

מָארְגְן עֶרֶב פֶּסַח דַארְפְן דִי בְּכוֹרִים מַאכְן אַ סִיּוּם מַסֶכְתָּא, אָדֶער הֶערְן אַ סִיּוּם; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען עֶסְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ פַאר דִי עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין נָאךְ דִי יָאר

לֶאֱכֹל מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים.

אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער יֶעדֶע זַאךְ; דִי בְּרִיוו פַאר יֶענֶעם מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, יֶענֶער שִׁיקְט מִיר סְתָּם נַייעֶס וְכַדוֹמֶה, שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; אֵיינֶער וָואס ווִיל שְׁרַייבְּן פוּן זַיין לֶעבְּן, שְׁאֵלוֹת, אָדֶער דֶערְצֵיילְן זַיינֶע אִיבֶּערְגֶייעֶכְטְס - נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ; אַדְּרַבָּה וְאַדְּרַבָּה, שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער, אִיךְ לֵיין יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, אִיךְ בֶּעט פַּאר דִיר, אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער יֶעדֶע שְׁאֵלָה, אַמָאל עֶנְטְפֶער אִיךְ אִין אַ בְּרִיוו דִירֶעקְט פַאר׳ן מֶענְטְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען טְרֶעפְן דִי תְּשׁוּבָה אִין אַ בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַמָאל אִין אַ שִׁיעוּר אוּן אַמָאל אִין אַ שְׁמוּעֶס.

הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן שְׁרַייבְּן.

אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### וֶועלְכֶע יוֹצְרוֹת זָאגְט מֶען אוּם יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי יוֹצְרוֹת פוּן פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. מִיר זָאגְן דִי יוֹצְרוֹת פוּן חֲזָרַת הַשַּׁ״ץ; אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶע, דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶל פַאר קְדוּשָׁה, דִי לַאנְגֶע פִּיּוּט - דָאס זָאגְן מִיר נִישְׁט.

צוּ תְּפִילַת טַל טוּט דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר אָן אַ ווַייסֶע קִיטְל, מֶען זָאגְט נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פִּיּוּט "בְּדַעְתּוֹ" אוּן דֶער פִּיּוּט "תְּהוֹמוֹת", אוּן מֶען לָאזְט אוֹיס אַלֶעס בִּיז דִי אֵיין שְׁטִיקְל פַאר מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד, דֶער פִּיּוּט "טַל תֵּן לִרְצוֹת אַרְצְךָ" - דָאס זִינְגֶען מִיר מִיט אַ וַוארֶעמֶע הַארְצִיגֶע נִיגוּן.

בְּנוֹגֵעַ מַאשִׁין מַצּוֹת; מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם דָאס נִישְׁט צוּ עֶסְן.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג אוּן נַחַת צוּ הֶערְן וִוי דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן פוּן מֹשֶׁה אַרְיֵ' נֵרוֹ יָאִיר מְנַהֵל הַכּוֹלֵל - אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי כּוֹלֵל. אִיךְ בֶּענְטְשׁ דִיר, בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן הַחְזָקַת לוֹמְדֵי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ אוּן דַיין ווַייבּ זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

דִי וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - זֵיי זֶעעֶן פוּן דֶער נָאנְט דִי הַתְמָדָה פוּן אוּנְזֶערֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, וּבְרֹאשָׁם דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל, דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען. עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג אוּן נַחַת אַרַיינְצוּקוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיךְ אוּנְטֶער הֶערְן וִוי דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען. אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר זֵיי קוּמֶען אַמָאל אַרַיין אִינְמִיטְן טָאג זִיךְ אָפְּרוּעֶן, זֵיי הֶערְן דִי זִיסֶע קוֹל תּוֹרָה, זֵיי ווִילְן נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין אַרְבֶּעטְן, זֵיי ווִילְן אוֹיךְ לֶערְנֶען.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

...

**דֶער צְוֵוייטֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לֶעיקֶוָואד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי צְוֵויי חָשׁוּבְ׳עֶ גַבָּאִים ... אוּן ... נֵרָם יָאִיר, לֶעיקֶוָואד**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז מֶען עֶפְנְט יֶעצְט דֶעם צְוֵוייטְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לֶעיקֶוָואד.

אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען ווִי עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן אִיר וֶועט אַיינְנֶעמֶען לֶעיקֶוָואד; אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר קַיין בְּרִיוְון, מֶען דַארְף לוֹיפְן פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְבְּרֶענֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין נִזְהָר צוּ זַיין פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן פוּנֶעם קָרְבַּן פֶּסַח.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**בִּיסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי בּוֹדֵק צוּ זַיין וֶועכְנְטְלִיךְ דֶעם עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שֶׁענְק דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵירוּב וָואס דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק יֶעדֶע וָואךְ אַלְס אַ צֵייכְן פוּן אַנֶערְקֶענוּנְג; זָאלְסְט וִויסְן אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ אַנֶערְקֶען וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּ בּוֹדֵק זַיין וֶועכְנְטְלִיךְ דֶעם עֵירוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע דוֹרוֹת; דוּ מִיט דַיין וַוייבּ.

אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְ'ן פֶּסַח.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בּוֹדְקִים פוּנֶעם עֵירוּב זֶענֶען נִישְׁט צוּ גֶעפוּנֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דָא גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת, פוּן דִי עֵירוּב וָואס דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק יֶעדֶע וָואךְ מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דֶער רָב, דֶער בַּעַל מַכְשִׁיר זָאגְט: "דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ בּוֹדְקִים זֶענֶען נִישְׁט צוּ גֶעפוּנֶען!" עֶר מַאכְט עֵירוּבִין אִיבֶּערָאל, עֶר אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם פוּן אוּנְזֶערֶע בּוֹדְקִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אִיךְ אַנֶערְקֶען וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטֶעטֶעלֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דָא הָאסְטוּ אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּנֶעם עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל מִשְּׁנַת תשפ״א.

דָאס אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ אַנֶערְקֶען וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטֶעטֶעלֶע; דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק דֶעם עֵירוּב אִין דִי פַּארְנוּמֶענְסְטֶע צַייטְן, וֶוען יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת - פָארְסְטוּ אַרוּם אַ לַאנְגֶע צַייט קוּקְן אוֹיבּ דִי עֵירוּב אִיז כָּשֵׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב יֶעדֶע וָואךְ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר תשפ״א. לְאוֹת וּלְזִכָּרוֹן וּלְהַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף וָואס דוּ בִּיסְט זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ צוּ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב; ווינְטֶער, זוּמֶער, אִין דִי הִיצְן, אִין דִי קֶעלְט, אִין שְׁנֵיי, אִין רֶעגְן אוּן אִין דִי פַּארְנוּמֶענְסְטֶע צַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְ'ן הֶעלְפְן פַארְרֶעכְטְן דֶעם עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה אַ מַצָּה פוּן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר תשפ"א פוּן דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אַן אָנְדֶענְק, אַ צֵייכְן פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב - פַארְ'ן זַיין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן פַארְרֶעכְטְן וֶוען מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן דִי עֵירוּב - מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע כָּשֶׁרְ'עֶ יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַן אַנְדֶענְק וָואס דוּ הֶעלְפְסְט וֶועכְנְטְלִיךְ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר שְׁנַת ה'תשפ"א פוּן דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, פַאר אַן אַנְדֶענְק וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ וֶועכְנְטְלִיךְ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח.

...

**דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁטָאט, פַאר'ן עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵירוּב פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אַלְס אַן אַנֶערְקֶענוּנְג; אִיךְ וֵויס וָואס דוּ טוּסְט, וִוי דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁטָאט, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַן עֵירוּב.

יֶעדֶעס מָאל דִי עֵירוּב צֶערַייסְט זִיךְ אָדֶער עֶס פֶעלְט אַ לֶחִי - קוּמְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ.

דִי מִצְוָה וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מִיר בַּאדַאנְקֶען זִיךְ פַאר דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א**

מִיר בַּאדַאנְקֶען זִיךְ פַאר'ן רָב שְׁלִיטָ"א פַאר דִי עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ פַאר'ן רָב בְּשֵׁם אוּנְזֶער גַאנְצֶע קְהִילָּה אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְ'ן יוֹם טוֹב אוּן הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

...

**אוֹת זִכָּרוֹן פַאר'ן מְנַדֵב זַיין דֶעם עֵירוּב טְרָאק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעב דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּן אוּנְזֶער עֵירוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי מִשְּׁנַת תשפ"א, אַן אוֹת וְזִכָּרוֹן פַאר'ן מְנַדֵב זַיין דֶעם עֵירוּב טְרָאק.

מִיט דִי טְרָאק הָאבְּן מִיר דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פַארֶרעכְטְן דֶעם עֵירוּב עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר - מִדֵּי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

**לְאוֹת וּלְזִכָּרוֹן פַאר'ן מַאכְן דֶעם עֵירוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דָא הָאסְטוּ אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת מִשְּׁנַת תשפ"א לְאוֹת וּלְזִכָּרוֹן פַאר'ן מַאכְן דֶעם עֵירוּב אוּן פַאר'ן זַיין גְרֵייט מִיט וָואס מֶען דַארְף אִין אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן לִיכְטִיגֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר'ן שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּעְרְטִי**

אִיךְ שֶׁענְק דִיר אַ מַצָּה פוּנֶעם עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת פוּנֶעם עֵירוּב פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּעְרְטִי לְאוֹת וּלְזִכָּרוֹן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה, אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן; אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דָא אוּן אוֹיךְ דָארְט וְכוּ'.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

**דִי חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע'דִיגֶע וואוּקְס פוּנֶעם שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הִיטְן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן טוּן דִי אַלֶע מִצְוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: "פֶּסַח אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער - פֶּסַח אִיז אַרַיין"; דִי אַלֶע מִצְוֹת אִיז אַרַיין אִין אוּנְז, דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אִיז אַרַיין אִין אוּנְז, דָאס בְּלַייבְּט מִיט אוּנְז אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ זֶען דִי ווירְטְשַׁאפְט פוּן דֶער נָאנְט; דִי שִׂמְחָה, דִי אַחְדוּת אוּן דִי פַּאזֶעטִיוְוקֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אוֹיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אוּן

אויב מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן מִיר מַאכְן אוּנְזֶער קִיבּוּץ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

דִי שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט קַיין דְרֵיי יָאר, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּמֶער וֶוערְט דְרֵיי יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְן מְיַסֵּד גֶעוֶוען דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטֶעטְל. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז שׁוֹין אַ שְׁטֶעטְל פוּן יָארְן, מֶען זֶעט מַמָּשׁ יַד הַשֵּׁם, חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע - עֶס זָאל זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ נֵייעֶם יִשּׁוּב.

מִיר הָאבְן שׁוֹין פִיר בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, אוֹיךְ הָאבְן מִיר דִי יָאר גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מַצָּה בֶּעקֶערַיי, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ גָאר גוּטֶע טַעַם אִין דִי מַצּוֹת. יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא דִי מִקְוֶה טָהֳרָה בְּהַשְׁגָּחַת דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ אִיז דָא פַאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים נָאךְ אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, "מִקְוֶה מַלְכָּה", פַאר דִי גֶעגֶנְט פוּן טְרוֹין בְּרִידְזְשׁ; דָאס אִיז אַלֶעס נָאר וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט - אִיז גֶעמַאכְט מִיט תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶס אִיז דָא אַ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה. דִי פְּלַאץ אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אַלֶע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען עֶרְלִיךְ, אַלֶע וַוייבֶּלֶעךְ זֶענֶען צְנִיעוּת'דִיג, אַלֶע זֶענֶען אָפְּגֶעשׁוֹירְן; מוֹהֲרָא"ש קוּקְט פוּן הִימְל אוּן שֶׁעפְּט נַחַת צוּ זֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת פִירְן זִיךְ כִּרְצוֹנוֹ. וְוִיפִּיל מָאל פְלֶעגְן מִיר הֶערְן וִוי מוֹהֲרָא"ש גְרוֹיסְט זִיךְ מִיט יַבְנְאֵל מִיט דֶעם פְּרַט, אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אָפְּגֶעשׁוֹירְן. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען סְפַרְדִי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת - וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר - אוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, אַלֶע פְרוֹיעֶן - שֶׁערְן זִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אַזוֹי אִיז יֶעצְט אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אֵיינְס בַּיי אֵיינְס זֶענֶען אַזוֹי טַייעֶר, אַזוֹי אֵיידְל אוּן אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אַ פַארְגֶעניגְן צוּ זַיין מִיט זֵיי.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע זַאךְ וָואס מִיר מַאכְן יֶעצְט אִיז אַ שְׁחִיטָה, "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְלֵייש"; מִיר הָאבְן פִיר אִינְגֶעלַייט יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים וָואס עֶנְדִיגְן יֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אוּן דִי פַאךְ. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, פַאר דִי אַמֶערִיקַאנֶער אִידְן, מִיר זָאלְן עֶסְן נָאר סַאטְמֶערֶע פְלֵייש, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען מִיר וֶועלְן הָאבְן שׁוֹחֲטִים וָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שׁוֹחֲטִים וָואס גֵייעֶן אִין מִקְוֶה,

שׁוֹחֲטִים וָואס זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן שׁוֹחֲטִים וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן מִיר עֶסְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פְלֵיישׁ.

אוֹיךְ גֵייעֶן מִיר יֶעצְט בּוֹיעֶן אַ פִינְפְטֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף דִי גַאס רֶעד-קְלִיף. דִי שְׁטֶעטְל אִיז אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט, עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט צוּ גֵיין שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב - דַארְפְן מִיר הָאבְּן שׁוּלְן אוֹיף אַלֶע זַייטְן.

אוֹיךְ וַוארְט מֶען צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע צוּ בּוֹיעֶן אַ מֵיידְל סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל. בִּיז דֶערְוַוייל פָארְן דִי מֵיידְלֶעךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטֶעטְל, יֶעצְט וַוארְטְן מִיר צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ הָאבְּן דִי סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל, בַּיי דִי גַאס דֶענְמֶען בַּיי קְרָאס פַארְם. אוֹיךְ וַוארְט מֶען צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן צֶען הַייזֶער בַּיי דִי פַארְם, אוּן נָאךְ פֶערְצִיג הַייזֶער בַּיי טְוִוין בְּרִידְזְשׁ.

אִיךְ וִויל יֶעצְט קוֹיפְן אַ קָאנְטְרִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ וֶועט דָארְט זַיין אַ קֶעמְפּ פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט; אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעלְט לִיגְן אִין דִי זַייט אוּן אִיז מַסְכִּים מִיר דָאס צוּ פַארְבָּארְגְן פַאר דְרֵיי יָאר - קֶען דָאס מִיר הֶעלְפְן צוּ קוֹיפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין גְמָרָא - זָאלְסְטוּ זָאגְן גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן דַיין לֶעבְּן, אַלֶעס וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י קְדוֹשִׁים), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ'ן הֶעלְפְן רֵיינִיגְן אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

וויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר טוּעֶן פַאר'ן רֶבִּי'ן - אִיז פַּאר אוּנְז אַ תִּיקוּן. הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל, רֵיינִיגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז, מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ צַדִיק - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד.): "תַּלְמִיד אֶחָד הָיָה לוֹ לְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁנִתְחַיֵּב שְׂרֵפָה לַמָּקוֹם", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ גְזֵירָה אַז עֶר גֵייט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, "אָמְרוּ, הַנִיחוּ לוֹ", הָאט מֶען גֶעזָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִים גָארְנִישְׁט טוּן, "אָדָם גָדוֹל שִׁמֵשׁ", בִּזְכוּת וָואס עֶר בַּאדִינְט זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ צַדִיק, מֶען וֶוערְט נִיצוֹל פוּן שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין מִיר אַזַא פַייעֶר... אִיךְ פְלֶעג גֵיין שְׁטִילֶערְהֵייט אִין שׁוּל אִיךְ הָאבּ גֶערוֹימְט אוּן גֶעוַואשְׁן, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעקֶענְט אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל מִיר אֲפִילוּ בֶּעטְן; עֶס הָאט אַזוֹי גֶעבְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט זַאכְן פַאר'ן שׁוּל, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא גֶעפִיל; אַזוֹי וְוי אֵיינֶער צִיט זִיךְ אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ דִירָה, עֶר קוֹיפְט, עֶר מַאכְט אוּן טוּט - אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ טוּן אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט וַואשְׁן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוֹיף דִי זֶעכְצְנְסְטֶע גַאס; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְבֵּיי מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אַזוֹי וְוי אִיךְ וַואשׁ דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר, וַואשׁ מִיךְ אָפּ, רֵיינִיג מִיךְ אוֹיךְ" - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן, "אַזוֹי וְוי אִיךְ וַואשׁ אָפּ דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל אִיךְ קֶענֶען אָפְּוַואשְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִידִישֶׁע הֶערְצֶער".

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַן עַיִן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י קְדוֹשִׁים), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין וְכוּ׳ - צוּלִיבּ עַיִן הָרָע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַיינְצוּקוֹיפְן צוּלִיבּ עַיִן הָרָע.

אַז דַיין וַוייבּ וִויל וִויסְן וְכוּ׳ - זָאל זִי דָאס נִישְׁט מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע, זִי קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן מִיר רֶעדְן נִישְׁט צוּלִיבּ עַיִן הָרָע. (וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה וֶועט הֶערְן אַז מֶען וִויל נִישְׁט רֶעדְן אַלְס עַיִן הָרָע - וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין, זֵיי וֶועלְן דָאס אֲפִילוּ אַרוֹיפְקוּקְן).

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז זִי וִויל יָא אַיינְקוֹיפְן יֶעצְט - זָאל זִי דָאס מַאכְן שְׁטִיל אוּן אֵיידְל.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער צַדִיקִים.

...

## בְּרוּחָנִיוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, אַלְץ וֶועלְן מֶער אוּן מֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י קְדוֹשִׁים), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ..., לִיבֶּערְטִי**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יֶעדֶע וָואךְ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ מִיט דֶעם; זֵיי וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער אִיז אַזוֹי שֵׁיין. זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת זָאגְן מִיר אַז דִי קִינְדֶער וַוארְטְן יֶעדְן שַׁבָּת אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוֹיךְ אִין חֶדֶר אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא דֶערְצֵיילְט מֶען דָאס פַּאר דִי קִינְדֶער. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דִי אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הֶעלְפְן דִיר, זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט דִיר.

מִי יִתֵּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דֶער מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט דַיין אַרְבֶּעט וָואס דוּ טוּסְט, דוּ ווִילְסְט טוּן מֶער אוּן מֶער. וַוייל צַדִיקִים זָאגְן, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר, הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בְּגַשְׁמִיוּת, דֶער וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט זַיין קַאר, מִיט זַיין הוֹיז, מִיט זַיין פַּרְנָסָה - דֶער אִיז אַן עוֹשֶׁר, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט בְּרוּחָנִיוּת - טָאר מֶען נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, מֶען דַארְף אַלְץ וֶועלְן מֶער אוּן מֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ

"עֶפְּן שׁוֹין אוֹיף דִי פֶּעסֶער, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶּענֶען!" הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן דִי וֶועכְטֶער, רֶבִּי דָוִד וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט אִין דִי פֶּעסֶער וַויין פַּאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט צוּ מַאכְן דִי וַויין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע הִידוּרִים; לַאנְגֶע חֲדָשִׁים וָואס עֶר אִיז וַוייט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ צוּ קֶענֶען מַאכְן כָּשֵׁר'עֶ וַויין פַּאר זַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב.

'וָואס טוּט מֶען?' טְרַאכְט רֶבִּי דָוִד פוּן מִיקוֹלֵייֶב, 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דִי וֶועכְטֶער וֶועלְן דָאס מְנַסֵּךְ זַיין'; קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אַ גוֹי רִירְט אָן וַויין – וֶוערְט דָאס יַיִן נֶסֶךְ, עֶס וֶוערְט אָסוּר צוּ טְרִינְקֶען, מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְגִיסְן; 'וָואס טוּ אִיךְ דָא?' רֶבִּי דָוִד טְרַאכְט וָואס צוּ טוּן, דִי וֶועכְטֶער

שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: "עֶפְן שׁוֹין דִי פֶּעסֶער אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶּענֶען!" דִי וֶועכְטֶער לוֹיפְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן, זֵיי עֶפֶּענֶען דִי פֶּעסֶער אוּן לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶרֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן מְנַסֵּךְ גֶעוֶוען דִי וַויין!



"אוֹי וֵויי, עֶס אִיז גֶעוָואֹרְן יֵיין נֶסֶךְ!"

רֶבִּי דָוִד קוּמְט אָן קַיין מֶעזֶעבּוּז, עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, וָואס אִיז דָאס? פַארְוָואס

הָאט דָאס פַּאסִירְט? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ מַאכְן וַויין פַּאר'ן רֶבִּי'ן אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאס אַלֶעס אַוֶועקְגִיסְן!" רֶבִּי דָוִד וֵויינְט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "הָאסְט טַאקֶע גֶעמַאכְט דִי וַויין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים, מִיט אַלֶע כַּוָנוֹת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטוּן, אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן, הָאסְט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיידֶער דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי נְסִיעָה צוּ מַאכְן דִי וַויין וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ פָאר יֶעצְט מַאכְן וַויין פַאר מַיין רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף דִי וַויין זָאל אוֹיסְקוּמֶען גוּט, מַיין רֶבִּי זָאל הֲנָאָה הָאבְן פוּן דֶעם'".

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרֹא"ש דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן תְּפִילָה אִיז מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ; אֲפִילוּ מֶען פְּלָאגְט זִיךְ, מֶען טוּט אַלֶעס אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ פַארְגֶעסְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.